בלוטיקע טעג

ראמאן פון אידישן לעבן אין דער צייט פון די ערשטע יארן פון דער וועלט מלחמה

פון י. נארמאן

(פארטזעצונג)

פאן זאליעסקי האט איצט פארגעסן זיין גאנצן פוילישן שטאלץ, ער האט אנגעהויבן צו יאמערן און בעטן, האט זיך געווארפן אן דער ערד און געצלמ'ט, אז ער וועט שוין מער ניט פארנארן אידישע מיידלאך פאר דעם פארגעניגן פון די דייטשע סאלדאטן.

"אן אויג פאר אן אויג, א צאן פאר א צאן", — האט ראגאווין גערעדט מיט אן אומהיימלאכער שטימע. "וויפיל אידישע עלטערן זיינען געטריבן געווארן צום טויט, צוזענדיק ווי זייערע טעכטער ווערן אוועקגעשלעפט צו שאנדע? סעמיאן, — ער מוז שטארבן אויף דער תליה.

סעמיאן האט פארשטאנען ראגאווינ'ס באפעל. עס האט געהייסן אז אייניקע פון זיינע חברים עקספראפריאטארס, וועלכע זיינען שוין געווען געוואוינט צו זעען בלוט, זאלן דעם פרויען־הענדלער ארויפציען אויפ'ן שטריק.

ווערנד סעמיאנ'ס חברים האבן זיך גענומען אויספירן דעם באפעל זייער ראגאווין מיט זיינע פריינט ארויס אין א צווייטען צימער, אום צו באשפרעכן די לאגע אין דער צוקונפט, אלס פלוצלונג האט זיך פון אונטן דערהערט א געשריי:

— פארראט! פארראט! די פאליציי קומט! ראטעוועט זיך, ווער עס קאן זיך נאך ראטעווען!

ראגאווין מיט זיינע חברים האבן זיך א ווארף געטאן צום ארויסגאנג, אלע מיט רעוואלווערן אין די הענט און עס האט זיך אנגעפאנגען א שרעקלאכע שיסעריי; אבער ראגאווינ'ען איז געלונגען זיך דורכצושלאגן א וועג דורך דער פאליציי.

— קומט נאך מיר, — האט ער גערופן צו די קאמעראדן ארויסלויפנדיק אויף דער גאס.

ער האט געגלויבט באשטימט, אז זיינע פריינט זיינען הינטער אים און ער איז געלאפן אימער ווייטער, דאן אבער האט ער זיך ארומגעקוקט און ער האט דערזעען, אז ער איז גאנץ אליין און אז ער ווערט פארפאלגט פון דריי פאליציסטען.

ער איז נאך שנעלער געלאפן, מיט די פאליציסטן הינטער אים ביז ער האט ענדלאך דערגרייכט צום וואלד און ער איז אריינגעשפרונגען אין א וועלדל, וואו די צווייגן פון די בוימער האבן אים איינגעצען פארדעקט.

און דאס גליק האט אים געשפילט, די פאליציסטן זיינען פארבייגעלאפן און האבען אים ניט באמערקט.

ער האט שוין געוואלט ארויס פון זיין באהעלטעניש אלס ער האט דערהערט טריט לעבן זיך, דאן האבן זיך די צווייגען געעפנט און א פאר בלישטשענדיקע אויגן האבן אים אנגעקוקט.

ראגאווין האט זיך א כאפ געטאן צום רעוואלווער און ער איז געווען אויף אלעם אנטשלאסן.

— אום גאטעס ווילן, — האט אויסגערופן א ווייכע מעלאדישע שטימע, — ראגאווין טויט מיך ניט!

ראגאווין האט נאך דאס געזיכט ניט געזען, אבער די שטימע איז אים געווען באקאנט. מיט איין שפרונג איז ער געווען אויפ'ן פלאץ פון וואנען די שטימע האט זיך געהערט און פאר דער שיין פון דער לבנה האט ער דערזעען דאס געזיכט פון א פרוי.

— פאני יאדוויגא! — האט ער אויסגערופן דערשטוינט, — איר, דא?

— יא, דאס בין איך, ראגאווין, — האט זי געענטפערט מיט א שמייכל און אים אנגעקוקט מיט פארפירעשע בליקן.

— איך ווייס, אז דו האסט אויף מיר א כעס פון אמאל, ווייל איך האב געהאלפען לעמקע'ן אנטלויפן, דאך בין איך זיכער, אז איצט ביזטו שטארק צופרידן, וואס דו זעסט מיך, אנשטאט דיינע פארפאלגער.

ווילד האט ראגאווין אנגעקוקט דער שיינער פרוי. ער האט ניט געוואוסט וואס צו דיינקען, ער האט זיך געוואונדערט אויב פאני יאדוויגא איז דא אום אים צו פאראטן אדער צו העלפן.

די שיינע פרוי האט קאנטיק פארשטאנען זיינע געדאנקען.

— דו דארפסט פאר מיר קיין מורא ניט האבן, — ראגאווין, — האט זי געזאגט מיט א באצויבערנדן שמייכל, — דו ווייסט גאנץ גוט, אז איך בין דיר א פריינדין. האב איך דען דיר ניט געראטעוועט דאן ווען דו ביזט געווען אין געפאר, ווען דו ביסט געווען געפאנגען אין פאן בושעוויסקיס קעלער? און היינט, איך מיין טאקע איצט, האב איך דיר ווידער געהאלפן, דען איך האב דיינע פארפאלגער אראפגעפירט פון וועג. זיי האבן מיך באגעגנט און זיי האבן מיך געפרעגט אויב איך האב דיך געזעען, אבער כאטש איך האב געוואוסט, אז דו האסט זיך פארשטעקט דא אין וואלד, האב איך זיי דערקלערט, אז איך האב דיך געזעען לויפנדיק אויפ'ן וועג צום ניעמאן, און זיי האבן מיר געגלויבט. ווי דו זעסט, איז שוין מער ווי איין מאל וואס איך האב דיר געראטעוועט פון געפאר.

שלמה ראגאווין האט מיט פינסטערע בליקן געקוקט אויף דער שיינער און פארפירישער פרוי.

— פארוואס האט געמוזט זיין די דאזיקע פרוי, וועלכע ער דארף ווידער אמאל זיין דאנקבאר פאר זיין רעטונג. זי וואלט דאך אים זיכער געקאנט איצט איבערגעבן צו די פאליציסטן אין די הענט. און עס איז קלאר, אז זי האט עס ניט געטאן, ווייל זי ליבט אים; אבער ער דארף איר ליבן ניט דערווידערן, ער האט א ווייב, וועלכע ער ליבט און נאך איינס: ווער ווייס, פילייכט איז זי, פאני יאדווינא די ווייב פון זיין אייגענעם פאטער. ווי קאן ער ליבן זיין שיף מוטער?

ער האט איצט געפילט ווי זי האט אנגענומען זיין האנט, וועלכע זי האט שטארק געדריקט און זי האט מיט א ווייכער שטימע גערעדט:

— איז דאס דיין ליבע, ראגאווין? איז דאס דיין דאנקבארקייט? ווי קאן דאס א מאן בלייבן אזוי־קאלט, ווען א שיינע פרוי באט אים אן איר ליבע? אדער בין איך אפשר ניט שיין? פאר שטוים מיך ניט פון דיר, ראגאווין, דען דו ווייסט ניט וואס פאר א פייער פון ליידנשאפט דו האסט אין מיר אנגעצונדן. גיב מיר דאס לעבן אין זיין באגערענדן און רייצענדן געשטאלט און איך וועל דיר געבן אזא גליק, פון וועלכן דיר האט זיך ביז איצט ניט גע'חלומ'ט.

און מיט איר ווייכע און פולע ארעמס האט זי זיך ארומגעקליאמערט ארום ראגאווינ'ס האלז און האט אים צוגעדריקט צו איר שטורמדיקן בוזעם, ווערנד אירע ליפן האבן געזוכט זיינע.

אבער ראגאווין איז געבליבן קאלט, אומגערירט.

— מען זאגט, אז א מאן קאן ניט ביישטיין דעם נסיון פון א שיינער פרוי, — האט ער גערעדט שארף, דאס איז ניט אמת. א מאן מיט א געוויסן און מיט זעלבסטרעספעקט בלייבט אלע מאל ריין, איבערהויפט נאך אין זיין באציאונג צו דער פרוי פון א פרעמדן מאן.

— ראגאווין, האט זי געמורמלט, — אי בין ניט מער ווי א פרוי פון א פרעמדן מאן, דען איך האב מיין מאן פארלאזן. איך וויל איצט אינגאנצן געהערן צו דיר, און דו זיין אינגאנצן מיינער, — קום, לאמיר ביידע אנטלויפן, איך בין רייך גענוג, מיר וועלן זיך באזעצן אין אויסלאנד, ערגעץ אין א נייטראלער לאנד, וואו איך וועל דיר געבן דאס העכסטע גליק פון ליבע.

— ניין, פאני יאדוויגא, איך וועל דיין אנבאט ניט אננעמען, — האט ראגאווין געענטפערט מיט א פעסטער שטימע, — איך קאן און איך וועל ניט ווערן פאלש מיין רחל'ען, מיין גוטער און געטרייער נשמה. אין די שטערן פון הימעל וועלכע קוקן אויף אונז ארונטער, זע איך איר איידעלן און פארקלערטן פנים: ווי קאן איך פאר אירע אויגן זיין אזוי געמיין? און ווען אפילו ניט זי וואלט איך צוריקגעוויזן דיין ליבע, פאני יאדוויגא, ווייל מיר פאסן זיך ניט איינער צום אנדערן; מיר זיינען צוויי גאנץ פארשיידענע מענשן, יאדוויגא, איך בין א איד, און דו ביזט א קריסטן, מיר וועלן קיינמאל גליקלאך ניט זיין צוזאמען.

ער האט זיך ביי איר כמעט ווי גע־בעטן, ער האט איר געוואלט דערקלערן און געבן צו פארשטיין אז זייער ליבע איז אן אוממעגלאכע, כמעט אן אומנאטירלאכע; אבער די ליידנשאפטלאכע פרוי איז איצט געווען טויב צו זיינע ווערטער און זי האט אויסגערופן:

— אבער איך וועל דאך ניט אפטרעטען פון דיר, און אפילו ווען דו זאלסט מיך טויטן וועל איך פון דיר ניט אוועקגיין.

און מיט אימפעט האט זי אים ארומגענומען און זי האט זיך אנגעהאנגען אן אים אזוי, דאס ער האט זיך קוים לויז געמאכט פון איר און ער האט האסטיק אנגעהויבן אוועקצוגיין פון איר בארג אראפ.

נאך איין מאל האט זי געוואלט אים צוריקהאלטן ווען זי האט געזעען אז אלעס איז אומזיסט האט זי פלוצלונג אויסגעשריען מיט פארצווייפלונג:

— דו וועסט פון מיר ניט אוועקגיין! דו געהערסט צו מיר!

— ניין, — האט שלמה ראגאווין געענטפערט, — צו דיר געהערט נאר מיין פאראכטונג, איך אבער, געהער צו מיין ווייב.

דער דאזיקער ענטפער האט דער שיינער און פארליבטער פאליאטשקע שיר ווילד געמאכט; עס האט אויסגעזעען ווי זי וואלט זיך פארוואנדלט אין אן אויפגערייצטער חיה און זי האט אויסגעשריען:

— אויב דו ווילסט ניט געהערן צו מיר אין לעבן, דאן זאלסטו מיט מיר זיך פאראייניקן אין טויט. דיין רחל'ע זאל דיך ניט מער ווידער זעען, מיר וועלן ביידע ליגן באגראבן אויפ'ן תהום פון דעם ניעמאן. איך קאן ניט ווייטער לעבן מיט דעם געדאנק, אז דו האסט אן אנדערער פרייוויליק אוועקגעגעבן דאס, פארוואס איך האב אומזיסט געבעטלט.

און איידער ראגאווין האט באוויזן פון איר זיך צוריקצוציען האט זי זיך אויף אים ארויפגעווארפן מיט איר גאנצער קראפט, ער האט פארלארן זיין גלייכגעוויכט, און מיט פאני יאדוויגא אנגעקליאמערט אן זיין האלז איז ער אראפגעפאלן אין דער טיפעניש פון דעם ניעמאן.

איבער ביידנס קעפ האט דאס וואסער זיך צוזאמענגעשלאגן און ביידנס קערפער האבן זיך באלד ווידער זיך ארויפגעהויבען אויף דער אויבערפלאכע, וואו עס האט זיך אנגעפאנגען א שרעקלאכער קאמף.

פאני יאדווינא האט איצט געהאט נאר איין ציל: זיך אליין צו רעטן און דעם אידישן יונגערמאן צו פארניכטן. זי האט אים געהאלטן אזוי, דאס עס איז אים אוממעגלאך געווען צו שווימען.

דער שטראם האט זיי איצט ביידן אנגעכאפט און אוועקגעטראגן צו א קעסלגרוב, וואו דאס וואסער האט זיך אנגעהויבן ארומדרייען מיט א שרעקלאכער געשווינדקייט און זיי שלעפן צום גרונט.

דא האט שלמה ראגאווין געהאט די געלעגנהייט זיך צו באפרייען פון דער וואנזיניק פארליבטער פרויענצימער און ער האט זי מיט קראפט פון זיך א שטויס געטאן.

— און דו ווילסט מיך טויטן? — האט זי געפרעגט אויסשטעלנדיק אויף אים אירע גרויסע און שיינע אויגן, — מיך, וועלכע האט דיך מערערע מאל געראטעוועט דיין לעבן?

— אויב דו האסט מיר געראטעוועט מיין לעבן, — האט ראגאווין געענטפערט, — איז דאס געווען צוליב דיר אליין און ניט צוליב מיר. דו האסט מיך געראטעוועט, ניט ווייל מיין לעבן איז דיר געווען טייער, נאר ווייל דו האסט געהאפט אויף מיין ליבע, און דערפאר קומט דיר ניט פון מיר א דאנק און איך בין צו דיר גארניט פארפליכטעט. דער בעסטער באוויז איז דאך, דאס אזוי שנעל ווי דו האסט פארלארן די האפענונג אויף מיין ליבע האסטו געוואלט מיך טויטן, ווייל דו ביסט פאלש ווי א שלאנג. און ווען איך זאל דיר לאזן לעבן וועסטו מיר ווידער ווערן געפערלאך און דערפאר וועל איך דיך טאקע טויטן שוין דא אין וואסער.

און מיט זיינע הענט האט ער ארומגענומען דעם שלאנקן ווייסן האלז פון דער שיינער פאליאטשקע און ער האט עס אנגעהויבן צוזאמענדריקן.

— טויט מיך ניט! — האט די דערשראקענע פאני יאדוויגא זיך געבעטן, — גלויב מיר, אז פון איצט און ווייטער וועט מיין גאנצער שטרעבן זיין דיך גליקלאך צו מאכן.

(פארטזעצונג קומט)

אידישע נייעס פון יענער זייט ים

רייכער פויער האקט אפ די שוועלן דעם ווארשעווער ראבינאט

פון לעמבערג שרייבט מען וועגן אזא געשיכטע:

שוין זייט עטלאכע וואכן קלאפט אפ די שוועלן פון לעמבערגער בית־דין א געוויסער מיקאלא הארסין פון דארף באיאווראוו. דאס איז א פויער איבער די דרייסיקער יארן, וואס האט א גרויסע ירושה.

ער וויל זיך מגייר זיין.

דאס בית־דין לייגט אים ווי געוויינלאך אין אזעלכע פאלן, שטיינער אונטער די פיס און ראט אים דאס ניט צו טאן.

ער שרייט אבער אז ער האט אין זיך אידיש בלוט וואס לאזט אים ניט רוען ביז ער וועט ניט איבערגיין צום אידנטום.

דערביי האט ער דערציילט פאלגנדע אינטערעסאנטע געשיכטע:

מיט בערך צוויי יאר צוריק איז געשטארבן זיין מוטער. זי איז געווען אן אלמנה פון א גאר פארמעגלאכן פויער, וואס איז געשטארבן יונגערהייט.

פאר דעם טויט האט זי אים צוגערופן צום בעט און צו אים אזוי געזאגט:

— איידער איך האב חתונה געהאט מיט דיין מכלומרשטן פאטער בין איך געווען א דינסט ביי א אידישן פאכטער פון ארטיקן פאווילאש. דער זון פון דעם פאכטער האט מיך פארפירט . . . און דו ביזט די פרוכט פון דער דאזיקער זינדקער ליבע.

מען האט מיר דאמאלט געגעבן א נדן כדי מיך אפצופטר'ן און דיין אמת'ער אידישער פאטער, האט מיך חתונה געמאכט פאר א פויער.

בעת דער מלחמה איז די משפחה פון דעם אידישן פאכטער, ווי אויך דיין פאטער אוועק אין דער וועלט אריין. זייט דאן האב איך פון אים ניט געהערט.

איצט, ווען איך בין קראנק, אלט און שוואך געווארן, האב איך קיין מנוחה ניט געהאט. איך האב זיך איבערצייגט, אז אידן זיינען גוטע מענשן, און עס האט מיר געצויגן צו ווערן אן אידישקע, אבער איך בין שוין צו אלט פאר דעם. האב איך באשלאסן דיר צו אנטפלעקן דעם סוד און דיך צו בעטן דו זאלסט ווערן א איד.

— איך, — האט דער פויער דערציילט אין ראבינאט, — האב לכתחילה דערפון געלאכט, אבער וואס מער עס האט זיך דערנענטערט איר טויט, אלץ שטארקער האט מיין מוטער פון מיר געפאדערט, אז איך זאל איר צוזאגן, דאס איך וועל ווערן א איד.

פאר'ן טויט האט זי ביי מיר גענומען די האנט, אז איך וועל זיך מגייר זיין. דאן איז זי געשטארבן. אבער אזוי ווי איך האב בכלל ניט געוואלט זיך מגייר זיין האב איך פארגעסן אן דעם וואס זי האט מיר געבעטן.

א פאר חדשים נאך דעם טויט פון מיין מוטער איז זי מיר צוריקגעקומען צו חלום און פון מיר געפאדערט, אז איך זאל האלטן מיין ווארט. איך האב זיך אנגעהויב קיין סך ניט געלאזט דיינקען וועגן דעם, אבער מיין מוטער איז געקומען אלץ אפטער און אפטער אין מיינע חלומות, אזוי אז איך האב באשלאסן זיך צו באפרייען פון די שרעקלאכע חלומות און זיך מגייר זיין.

דער פויער, ווען ער קומט שטייט ער אפ א פאר שעה לאנג פון בית־דין און ווארט מען זאל אים אריינלאזן. דאס בית דין מאכט אים נאך אלץ שוועריקייטן. דאס שרעקט אים אבער ניט אפ. ער לערנט זיך דאוונען און בעט זיך שוין מען זאל אים מל זיין. ווי עס זעט אויס, וועט ער אין גיכן זיך מגייר זיין.

אין ראבינאט דערוויסט ער זיך, אז דאס קינד איז ניט זיינס . . .

פון לעמבערג שרייבט מען וועגן זייער א פיקאנטער געשיכטע צווישן מאן און ווייב:

פאר דעם לעמבערגער ראבינאט איז געשטאנען א פאר פאלק פון די "הויכע פענסטער". ער, א העכערער באמטער פון א בריסלער באנק, וואס זיין פיליע געפינט זיך אין לעמבערג, און זי — א רייכע טאכטער פון זשעשאוו. זיי האבן חתונה געהאט מיט 4 יאר צוריק און האבען היינט א צוויי יאריק קינד.

זיינען זיי געקומען זיך גט'ן. עס האט געהייסן, אז זיי זיינען ביידע געקומען צו דער איבערצייגונג, דאס זיי קאנען מער ניט לעבן צוזאמען. עס איז א ניט צוגעפאסט פאר פאלק. און גוטוויליק ווילען זיי זיך פאנאנדערשיידן.

ראכט זיך אויס — וואויל און פיין. איז אבער פאראן א חסרון און מען קאן דעם גט ניט שרייבן.

זיי ווילן אבער, אז עס זאל אלעס אריבער שא און שטיל. קיינער זאל ניט וויסען. אן סקאנדאלן. ער גיט איר א פאר טויזנט דאלאר. נאר — דאס קינד.

זי וויל דאס קינד און טענה'ט, אז זי האט עס שטארק ליב. ער ווידער טענה'ט אז דאס קינד געהערט צו אים. מען הויבט זיך אן אנפאנג אן אביסל צו ווערטלען, אבער פון א ווארט צו ווארט קומט צו גרויסע זאכן. און דערביי ווערט מען געוואר גאר פיקאנטע פרטים, וואס הויבן אויף דעם ספארהאנג און אנטפלעקן פאר אונז די אמת'ע סיבה צוליב וואס דאס פאר פאלק וויל זיך גט'ן.

עס שטעלט זיך נעמלאך ארויס, אז דעם מאנ'ס א גוטער חבר און הויזפריינט האט פארפירט מיט זיין פרוי א ליבע. ביידע האבן באשלאסן חתונה צו האבן און דער געליבטער האט זיין פריינדין פארשפראכן, אז ער וועט איר קינד זייער גוט באהאנדלען.

שרייט דער אפגעגאנרטער מאן אין בית דין, אז ער קאן דאס קינד ניט אפגעבן זיין פרוי, ווייל ער איז זיכער, דאס זי האט אים פארראטן. און א פרוי, וואס פירט זיך ניט אויף מאראליש האט קיין שום רעכט ניט צו דערציען קינדער.

זאגט די פרוי, אז זי האלט שמאל און קאן נאך פארלירן דאס קינד וואס זי האט אזוי שטארק ליב. דערקלערט זי ניט לאנג קלערנדיק, אז דאס קינד איז גאר ניט זיינס. עס געהערט דעם פריינט, און דארום וויל ער עס נעמען.

דער מאן איז געבליבן שטיין ווי פארשטיינערט. ער האט מער קיין ווארט ניט ארויסגערעדט. געבייטלט א פויסט, אבער מען האט זיך אריינגעמישט. ער האט זיך עטוואס בארואיקט. דאן האט ער איר דערקלערט, דאס ער וויל מער פון איר ניט הערן און ניט געריינקען. זיין טיר איז פאר איר מיט'ן קינד פארמאכט.

נאך דער דאזיקער סצענע איז ער ארויסגעלאפן פון ראבינאט.

ווען זיין פרוי איז ניט געקוקט אויף דעם מאנ'ס דראאונגען אהיימגעקומען, האט זי געטראפן די טיר פארשלאסן. אין דרויסן איז געשטאנען דאס קינדער־וויגעלע מיט דעם קינד'ס זאכן, זי האט דערווייל גענומען א צימער אין האטעל. די פרוי פארפירט איצט א פראצעס קעגן איר מאן וועגן אנטשיידיקונג און גט.

פון די זעלבסטמארדן אין פוילן

אונזערע לעזער הערן אפט וועגן די זעלבסטמארדן פון די אידן אין פוילן. הארצרייסנד זיינען אפט די געשיכטעס וועגן די זעלבסטמארדן. א סך געשיכטעס פארהיטן מען צוליב גרויס עגמת נפש. פיל פון די זעלבסטמערדער טוען אלץ, אז מען זאל זיך ניט דערוויסן ווער זיי זיינען.

אט שרייבט מען איצט וועגן אזא געהיימניספולן מארד פון א אידן אין וואשילקאווע ביי ביאליסטאק.

פארטאג, ווען מען האט געעפנט דעם גרויסן בית מדרש אין וואשילקאווע, האט מען געפונען הענגענדיק שוין א טויטן, א אידישן יונגערמאן, אין עלטער פון 29—27 יאר, איבער די טרעפלאך וואס פירען אויף דער ווייבערשער שול.

וועגן דעם פאל האט מען זיך באלד דערוואוסט איבער דעם גאנצן שטעטל, און אלע זיינען געלאפן קוקן ווער עס איז דער זעלבסטמערדער, ווייל מען האט ניט געפונען ביי אים קיין דאקומענטן.

קיינער האט אים אבער ניט דערקאנט, ווייל ער איז ניט געווען קיין וואשילקאווער.

דער שטעטלשער פאליציי־קאמענדאנט האט אנגעהויבן די אויספארשונג, אבער ער האט ניט געקאנט דערקאנען ווער דער זעלבסטמערדער איז.

לויט'ן אויסזעען האט מען זיך משער געווען, אז ער איז א ביאליסטאקער "קבוצניק".

ער איז געווען אנגעטאן אין א לאנגער קאפאטע, אונטן א טלית קטן און א גארטל. דער פנים באוואקסן מיט בלאנדע האר. דער הוט זיינער, א טונקל גרויער, איז געלעגן אויף א טרעפל.

דער פאליציי קאמענדאנט האט אים ניט געלאזן אראפנעמען פון דער תליה ערשט ביז צוויי אזייגער, ווען ס'איז אנגעקומען אויף דעם א דערלויבעניש פון אויספארשונגס־ריכטער.

די פארשטייער פון ביאליסטאקער "קבוץ" זיינען געפארן ספעציעל קיין וואשילקאווע, כדי זיך צו דערוויסן צי עס איז טאקע א "קבוצ'ניק", ווי זיי האבן אבער פעסטגעשטעלט, האט ער קיינמאל ניט געלערנט אין היגן "קבוץ".

כוליגאנעס באפאלן אידן אויף א פארם אין פוילן

פון ראוונע מעלדעט מען:

א גרופע כוליגאנעס איז באפאלן די גערטנער פירמע הינטער ראוונא, וואס איז היי יאר געגרינדעט געווארן דורך דעם פוילישן "ארט פארבאנד".

אין דער פירמע וואס פארנעמט 5 העקטאר לאנד, לערנען זיך גערטנעריי 30 יונגעלייט. אונטער די אויסרופן "דאס האט איר פאר אייער קאנקורענץ מיט די פויערים", האבן די כוליגאנעס גענומען שלאגן די אידן. עס זיינען פארוואונדעט געווארן די שילער גערטנער ווינער, לוריע, אגראדסקי, וויינער, מאנטיקאווסקי און אנדערע. דער שילער סטאלאר געפינט זיך אין א באוואוסטלאזן צושטאנד. אלע פארוואונדעטע זיינען איבערגעפירט געווארן אין שפיטאל. די אידישע קאלאניסטן האבן אויך געליטן מאטעריעלע פארלוסטן.

די אויספארשונג איז אין גאנג.

לאמיר פארן!

האט פארגעניגן אין

ריווער פארק

ראלער סקייטינג רינק
טענץ אויף דער אפענער לופט
ראלער קאוסטער
בארוואק אטרעקשאנס

פארט מיט דער סטריט קאר

Winnipeg Electric Company

"אייער גאראנטיע פאר גוטער באדינונג"

NEW PALACE THEATRE
היינט און מארגן
"היים פאר פאריז"
דורכאויס רייידנדיק לאכנדיק און זינגענדיק
אויך רייידנדיקע קאמעדיע — פאקס נייעס

אין פעלעס טעאטער

לאכט, און די וועלט וועט מיט אייך מיטלאכן. האט איר שוין געזעען דאס בילד "היים פאר פאריז", וואס ווערט היינט געשפילט אין פעלעס טעאטער? פארפעלט עס ניט צו זעען, דאס איז א דורכאויס רייידנדיק, לאכנדיק און זינגדיק בילד, געשפילט פון די פיינסטע מוווי אקטיארן און אקטריסעס. דאס דאזיקע בילד וועט אייך העכסט אמוזירן. עס ווערט אויך געוויזן א רייידנדיקע קאמעדיע און פאקס נייעס.

פעדערנע און וואלענע קאלדרעס
געמאכט צו ארדער, פארשיידענע סייזעס. איבערגעמאכט פון אייערע אייגענע פעדערן. אויך וואלענע קאלדרעס.
THE PERFECTION QUILT MFG. CO.
682 Selkirk Ave. Phone 52 546

INCOME TAX SERVICE
AUDITS, FINANCIAL REPORTS
INVESTIGATIONS
בוקקיפינג סערוויס
ס. א. פארטיגאל
— מיט —
דזשא. לום און קאמפאני
Chartered Accountants, Auditors
204 עיוניו בלאק, טעלעפאן 23 942
רעזידענס פאן 24 524

זעט אונזערע נייע ספרינג סחורות
א גרויסער אויסוואל פון וואס אויסצוקלייבן
Dominion Furniture Co., Limited
499 NOTRE DAME AVENUE
PHONES: 86 195 — 87 873

וואנצן און קאקראוטשעס
פארניכטעט. ארבעט גאראנטירט
CHARLES RIESS & CO.
376 Colony St. Phone 33 529

האט ניט קיין זארג
וועגן איבערפירן אייערע זאכן אין
וויניפעג ביטש אדער גימלי
סימקינס טראנספער
וועט דאס פאר אייך טאן פינקטלאך און ראיעל
צו אייער בעסטער צופרידנהייט
מיר מופן אלצדינג אין שטאט און אין קאנטרי
מעסיקע פרייזן
טעלעפאנירט 52 540
S. SIMKINS TRANSFER
456 STELLA AVE. - PHONE 52 540

קלאסיפייד סעקשען Classified Section

ספעציעלע פרייזן פאר אדווערטייזינג אין דער קלאסיפיצירטער אפטיילונג:
איין מאל, 5 ס. פער "אנייט ליין"
פאר א וואך, 20 ס. "
פאר א מאנאט, 75 ס. "
פאר 3 מאנאטן, $2.15 "
פאר 6 מאנאטן, $4.00 "
פאר 1 יאר, $7.50 "

:: צו פארקויפן ::
FOR SALE

8 רומיקע הויז מיט אלע נייסטע און מאדערנע איינריכטונגען אויף זייער א שיינעם און גרויסן לאט אויף איינער פון די שענסטע גאסן אין דעם נארדלאכן טייל פון שטאט. צום פארבייטן פאר א הויז פון 6 צימערן.

האנדלט שנעל אויב איר ווילט א שיינע היים אין שענסטן געגנט אין דער נארט ענד.

דעליקאטעסן סטאר צו פארבייטן פאר א הויז אדער קאטעדזש. אייגנטימער מוז גלייך פארלאזן די שטאט דאס איז א גוטע ביזנעס פאר יעמאנדן.

פרעגט זיך באלד נאך ביי די שעפס איידזשענסים לטד.

גוטע סטאר מיט 2 סוויטס פון 5 צימערן יעדער פיל מאדערן אין זייער א גוטן לאקיישאן. פאזיטיוו זיכער צו מאכן א פיינעם לעבן. אייגנטימער וויל זיך צוריקציען פון ביזנעס נאך פיל יארן אין דעם זעלבן פלאץ וואו ער האט זיך ארויפגעארבעט! אויב איר האט א הויז אדער א קאטעדזש קאנט איר אויסבייטן פאר דער סטאר וואו איר זייט זיכער צו מאכן א שיינעם לעבן.

סוויטס צו פארדינגען אין פארשיידענע בלאקס אין דער נארט ענד.

אינשורענס פאר אלערליי צוועקן. געלט צו לייען אויף 6½ פראצענט.

Sheps Agencies Ltd.
804 מיין סטריט
טעלעפאנס 55 761 און 53 807

צו פארקויפן א בוק־קיים ביליק. זיך ווענדן אין 484 פלארא עווע.

צו פארקויפן אדער פארבייטן
א גוטן שעווראלעי טראק, גרעיז און קעטל באדי. זיך ווענדן אין 340 אלפרעד עווע., טעלעפאן 52 021.

צו פארקויפן א קאנפעקשאנערי און ארבעטס קליידער סטאר לעבן א גוטן ארבעטס פלאץ, קליינער סטאק, פיסקטשורס גערעכנט. $15 א מאנאט רענט, בלויז 3 שטונדן ארבעט א טאג. טעלעפאנירט 25 204.

אסיניבאין עווע., א 12 רום הויז אויף איינעם פון די שענסטע לאטס אין שטאט, ביים ברעג פון טייך. א הויז וואס האט געקאסט דרייסיק טויזנט דאלאר צו בויען, אין ערשט־קלאסיקן צושטאנד, ניי דעקארירט און העכסט מאדערן, מוז פארקויפט ווערן פאר ווייניקער ווי האלב פרייז. דער גרעסטער בארגיין אין שטאט פאר בלויז $12,500. קאן געקויפט ווערן מיט קליינעם קעש פיימענט. א גוטער אינוועסטמענט.

5 רום מאדערן קאטעדזש אין ערשט־קלאסיקן צושטאנד, מיט גוטן גאראדזש אויף א שיינעם לאט אויף אבערדין עווע., פרייז בלויז $2,800 מיט $800 קעש.

אויב איר ווילט א הויז, זעט
ה. פערלמאן און ג. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
796 Main Street Phone 51 000

S S S S S S S S S S S

הייזער צו פארקויפן

א שיינער זעקס רומיקער פריים קאטעדזש וואס באשטייט פון א גרויסער קיטשען און דיינינג רום מיט פרענטש טירן צו א גרויסער ליווינג רום, שיינער סאן פארלאר און 3 בעדרומס. אוק פלארס דורכאויס און הייסע וואסער באהייצונג שטייט אויף א 33 פוס לאט שוין ארומגערינגלט מיט ביימער און האט א גרויסן סטאקא גאראדזש. דאס איז אין צוויטן בלאק פון מיין סטריט אין סט. דזשאנס דיסטריקט אויב איר זוכט א ריכטיק גוטע היים צו א בארגיין פרייז זעט עס. פאר $3,300 מיט $500 קעש. פאר אפאינטמענט רופט אפ

MR. LAWRIE, OF
J. J. SWANSON & CO. LTD.
601 Paris Bldg., Phone 26 349
or Evgs. 503-007

אויב איר קויפט א נייע היים, זייט זיכער אז עס איז מאדערנע עלעקטריש

עס דארף זיין גענוג לייטס און בייסבאורד אוטלעטס צו באדינען יעדע זייט פון יעדער רום. איר קאנט ניט מאכן אייער היים פערפעקטיק אן גענוג צוגעפאסטער עלעקטרישער באדינונג.

זוכט ניט צו טרעפן! קויפט א היים געוויירעט צו דער סיל ספעסיפיקאציעס — מיט גענוג באלויכטונג, ניט ווייניקער פון 3 דופלעקס בייסבארד אוטלעטס אין ליווינג רום, 3 אין דיינינג רום, 2 אין בעד רומס, 1 אין אונטערשטן און אויבערשטן האל, 2 אין סאן רום און אנדערע טיילן פון דער היים צוגלייך באדיינונגספולע — באקוועמלאכע סוויטשעס וואס פארהיטן א סך טריט, וויירינג צו דער הינטערשטער טיר און שווער גענוג צו טראגן, יעדע משא פאר איצטיק און צוקונפטיקן געברויך.

אונזער באדינונג איז פריי צו יעדן איינעם וועלכער בויט א נייע היים. גיט אכטונג אויף דעם רעד סיל עמבלעם אויף נייע הייזער. פרעגט אייער ארכיטעקט, בילדער אדער עלעקטרישן.

שרייבט אדער טעלעפאנירט פאר פרייען האנדבוך

RED SEAL ELECTRICAL SERVICE—
501 SCOTT BLOCK
Telephone 21 028

עס זיינען דא מענשן, אס זיינען געבוירן גרויס און ווערן אין לויף פון זייער לעבן איינגעשרומפן אויף אזוי ווייט, אז זיי האבן אליין קיין באגריף ניט ווי קליין זיי זיינען.

* * *

מאנכע מענשן זיינען אזוי נערוועז, אז זיי בייסן אזש יענעמס ליפן.

* * *

נומער 13 איז זייער א שלים'מזל'דיקער, איבערהויפט ביי א טיש, וואו עס איז דא עסן נאר פאר 12.

:: פערזענלאכעס ::
PERSONAL

פליכעוואטע מענער — נייע האר —
אין 10 ביז 60 טעג גאראנטירט: שארבן קרעץ, דענדראף, שארבן עקזעמא, געהיילט דורך פערזענלאכער באהאנדלונג
FRANKS, 207 Montgomery Bldg.
215½ Portage Ave.
א סך באשטעטיקונגען אויפן פארלאנג

SIMPSON & COMPANY
בייליפס
לייסענסד און באנדעד
ד. סימפסאן, מענעדזשער
404 McINTYRE BLOCK PH. 88 008

געלט!
פאר אייערע באלדיקע נויטן
$50 ביז $500
צוועלף מאנאטן צו באצאלן עס צוריק. ריזאנייבל רייטס. פינקטלאכע באדינונג שטריינג פארטרויאלאך
אפן טעגלאך ביז 7.30 נאכמיטאג.
General Loan and Insurance Agency
718 Somerset Block, Winnipeg
Phone 24 789

R. B. ORMISTON
פלאריסט
צוויי סטארס צו אייער באדינונג
96 Osborne St., Phone 42 386
340 Portage Ave., Phone 24 791
בלומען טעלעגראפירט איבעראל

פאונדריישאנס פאר מצבות געמאכט און פארריכט פאר אייער צופרידנהייט.
JOHN SCHALER
Phone 5993921

A. MUIR
אוטאריזירטער
דוקא פינישינג סטיישאן
פענדערס און באדי ריפעירס
376 FURBY ST.
PH. 33 255

לייף אינשורענס
בעסער צו האבן א פאליסי און ניט דארפן עס, איידער דארפן דאס און ניט האבן..
P. A. TEMPLETON
807 Electric Railway Chambers
Phone 89 688

א פרוי פארלאנגט צו קויפן א סאמאוואר. זיך ווענדן אין 66 לילי סטריט.

באקאנטמאכונג

אין מיין שחיטה שטיבל ווערט געשאכטן עופות בהשגחת הרבנים.
השוחט יצחק דיקסאן, 76 שולץ סט.

:: צו פארדינגען ::
FOR RENT

צו פארדינגען דריי קאטעדזשעס צו דריי רומס אין גרענער ביטש ביים לייק. טעלעפאנירט 52 100.

פארלאנגט א פרוי אדער א קאפל צו פארנעמען א רום. געצאלט ניט נויטיק. זיך ווענדן אין 744 סעלקירק עווניו.

מרס. א. קאופמאן
וויניפעג ביטש
באורד און רום. בעסטע, בא'טעמ'טע מאכלים. בעסטע באדינונג און באהאנדלונג — נאכמיטאג טיי מיט היימישע געבעקס. דער אדרעס איז: 3 איש סטריט. טעלעפאנירט 51 746.

ארבעטער פארלאנגט
HELP WANTED

פארלאנגט אן עקספיריענסד קלערק סינגל מאן, פאר א קאנטרי דזשענעראל סטאר. זאל קאנען ריידן גוט ענגליש, גוטער סיילסמאן און סטאקקיפער. קיין אנדערער זאל זיך ניט ווענדן. זיך ווענדן אין
STONE FUR CO.
Winnipeg Piano Bldg., Winnipeg

פארלאנגט אן עקספיריענסד קלערק פאר א דזשענעראל סטאר, מוז קאנען ריידן אוקראיניש און ענגליש. שרייבט וויפל געהאלט פארלאנגט און גיט אן רעפערענסעס. זיך ווענדן צו "דאס אידישע ווארט" באקס 564.

:: שטעלע פארלאנגט ::
SITUATION WANTED

שטעלע פארלאנגט אין א קאנטרי דזשענעראל סטאר. 3 יאר עקספיריענס. זיך ווענדן אין 312 פלארא עווע.

א יונגע פרוי, א בוקקיפערן מיט פיר יאר דערפארונג פארלאנגט א שטעלע אין שטאט אדער קאנטרי. אויך וויליק צו ארבעטן אלס קלערק אין סטאר. טעלעפאנירט 55 642 אדער שרייבט צו "דאס אידישע ווארט" באקס 586.

עס איז בלויז א פראגע פון מינוטן
אריינצושטעלן אן "ער" אין
"דאס אידישע ווארט"
אייער טעלעפאן וועט אונז דערגרייכן אין געציילטע סעקונדן
טעלעפאנירט
52 213
און אייער "ער" וועט דערשיינען אין דער זעלביקער אויסגאבע